בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת ויצא תשפ"ו** | **גליון 820 [שנה י"ח]**

**איז יעקב געגאנגען צו חָרָן אדער פַּדַּן אֲרָם?**

וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה: (כח י) זאגט רש"י וַיֵּלֶךְ חָרָנָה: יָצָא לָלֶכֶת לְחָרָן, (בראשית רבה סח ח). דאס מיינט אז יעקב איז ארויס פון בְּאֵר שָׁבַע צו גיין צו חָרָן, זאגט דער שפתי חכמים אז רש"י איז געווען שווער די ווערטער וַיֵּלֶךְ חָרָנָה, ווייל בפשטות לערנען אלע אז יעקב איז ארויס פון בְּאֵר שָׁבַע און איז אנגעקומען קיין חָרָן, און די סיבה פארוואס לערנען זיי אזוי איז ווייל עס שטייט די ווארט חָרָנָה, וואס איז משמע אז ער איז דארטן אנגעקומען, אבער עס איז שווער געווען פאר רש"י ווייל עס שטייט גלייך נאכדעם (פ' י"א) וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן שָׁם כִּי בָא הַשֶּׁמֶשׁ, וואס דאס איז משמע אז ער איז נישט גלייך אנגעקומען פון בְּאֵר שָׁבַע קיין חָרָן נאר עס איז געווען א הפסק אין זמן! דעריבער לערנט רש"י יָצָא לָלֶכֶת לְחָרָן, זיין כוונה איז געווען אנצוקומען צום סוף קיין חָרָן, אבער אין צווישן האט יעקב געגאנגען צו אנדערע פלעצער עכ"ד השפ"ח, קומט אויס אז רש"י וועט נישט לערנען ווי דער הייליגער רמב"ן וואס שרייבט אויפן פסוק וַיֵּלֶךְ חָרָנָה אז יעקב האט געהאט קפיצת הדרך און גלייך ארויסגיין פון בְּאֵר שָׁבַע איז ער אנגעקומען קיין חָרָן! און נאך איז שווער אז יעקב איז געווען אין פַּדַּן אֲרָם א לענגערע צייט ביז ער איז אנגעקומען קיין חָרָן? נאר צו פארענטפערן רש"י און די מפרשים, עס איז דא א מדרש תנחומא אויפן פסוק וַיֵּצֵא יַעֲקֹב, וואס שרייבט אז באמת האט יעקב געוואלט גיין גלייך קיין חָרָן פון בְּאֵר שָׁבַע, ווייל יעקב האט מורא געהאט פון עשו און יעקב האט געהאלטן אז חָרָן איז א עירי מקלט, און דארטן וועט ער זיך ראטעווען פון עשו, לפי"ז דאס מיינט יָצָא לָלֶכֶת לְחָרָן, אבער וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם, דער אויבערשטער איז געקומען צו אים אין חלום און געזאגט הִנֵּה אָנֹכִי עִמָּךְ וּשְׁמַרְתִּיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תֵּלֵךְ וַהֲשִׁבֹתִיךָ אֶל הָאֲדָמָה הַזֹּאת כִּי לֹא אֶעֱזָבְךָ עַד אֲשֶׁר אִם עָשִׂיתִי אֵת אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי לָךְ: ממילא איז ער שוין געבליבן אין פַּדַּן אֲרָם און ערשט שפעטער געגאנגען קיין חָרָן צו לָבָן, און לכאורה דאס שטייט אין רש"י שפעטער (כט א) וַיִּשָּׂא יַעֲקֹב רַגְלָיו. מִשֶּׁנִּתְבַּשֵּׂר בְּשׂוֹרָה טוֹבָה שֶׁהֻבְטַח בִּשְׁמִירָה נָשָׂא לִבּוֹ אֶת רַגְלָיו וְנַעֲשָׂה קַל לָלֶכֶת, כָּךְ מְפֹרָשׁ בִּבְרֵאשִׁית רַבָּה: אז יעקב האט געווארט אויף א שמירה פון עשו, און נאכדעם געגאנגען קיין חָרָן בבית לָבָן אבער אין אנפאנג ביים ארויסגיין פון בְּאֵר שָׁבַע איז נאר געווען ללכת, צו אנקומען צום סוף קיין חָרָן. (שמח זבולון תשפ"ו)

**דער ענין פון מאכן א נדר אין א צייט פון צרה**

וַיִּדַּר יַעֲקֹב נֶדֶר לֵאמֹר: (ה כ) איתא שטייט אין מדרש (רבה פ"ע סא) **רבי יצחק הבבלי** פרעגט, צו א מענטש מעג מאכן א נדר אין א צייט פון צרה? און ער ענטפערט ווייל עס שטייט אין פסוק וַיִּדַּר יַעֲקֹב נֶדֶר "לֵאמֹר", ווען עס וואלט געקענט נאר שטיין וַיִּדַּר יַעֲקֹב נֶדֶר, קומט דער לֵאמֹר זאגן אז יעקב האט אויסגעלערנט לדורות אז מען זאל מאכן א נדר אין א צייט פון צרה און אזוי וועט מען געהאלפן ווערן, און אזוי פסקענט מען אין שו"ע (יורה דעה סימן ר"ג ס"ה) **בעת צרה מותר לנדור.** צו פארשטיין פארוואס העלפט ווען מען מאכט א נדר, נאר ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך מער וואס ער איז מחוייב צו טאן, איז פון הימל גיט מען אים אויך וואס עס קומט אים נישט, אזוי ווי דער הייליגער בעש"ט טייטשט דעם פסוק ה' צִלְּךָ, אזוי ווי דער שאטן טוט וואס דער מענטש טוט, אזוי טוט דער אויבערשטער פארן מענטש וואס ער טוט, דעריבער זאל מען מאכן א נדר בעת צרה און מקבל זיין מער וואס מען איז מחוייב, און דער אויבערשטער וועט העלפן. (ספר אמרי כהן ר' מאיר בן יעקב אליעזר הכהן ווארשאוויאק תרצ"ג), דער הייליגער **אבני נזר פון סאכאטשוב זצוק"ל** לייגט צו א נקודה אז יעקב האט מורא געהאט פון לָבָן וואס ער איז געווען אין די גרעסטע מדריגה פון טומאה, און עס איז באוואוסט אז א נדר איז פון שער החמישים וואס דאס איז העכער פון די וועלט און טבע און אויך שטארקער פון די טומאה, און אזוי האט יעקב געווען זיכער אז דער אויבערשטער וועט אים היטן פון לָבָן. (זכרון שלמה בשם אבני נזר) לפי"ז קען מען צולייגן וואס דער הייליגער **בית אהרן קארלין** (פ' וירא) ברענגט וז"ל כדאיתא **בספה"ק של הרה"ק מפולנאה זצוקללה"ה** שאיש הישראלי שמתנהג עם הקב"ה בדרך הטבע הקב"ה מתנהג עמו ג"כ בדרך הטבע ומי שמתנהג עם הקב"ה שלא בדרך הטבע הקב"ה עושה עמו נסים ג"כ שלא בדרך הטבע ומגביהו למעלה מן הטבע וכידוע מאברהם מה שהי' עכ"ל. דאס איז דער ענין וואס יעקב האט געמאכט א נדר, און דער "לֵאמֹר", אויף אלע דורות אזוי צו טאן. (שמח זבולון תשפ"ו)

**די שכינה רוהט נאר אויף א עניו**

וְהִנֵּה ה' נִצָּב עָלָיו: (כח יג) די ראשי תיבות פון וְהִנֵּה ה' נִצָּב עָלָיו איז עָנָיו (חתם סופר עה"ת דף ק"מ ד"ה והנה) דאס איז מרמז אויף וואס די גמרא (סוטה ה) לערנט ארויס פון פסוק מָרוֹם וְקָדוֹשׁ אֶשְׁכּוֹן וְאֶת דַּכָּא וּשְׁפַל רוּחַ (ישעיהו נז טו) אז אויב א מענטש איז א בעל גאוה, דערווייטערט זיך השי"ת פון אים, אבער ווען דער מענטש איז וְאֶת דַּכָּא וּשְׁפַל רוּחַ, מיט ענוה, דעמטלט מָרוֹם וְקָדוֹשׁ אֶשְׁכּוֹן, רוהט השי"ת אויף דעם מענטש, דאס איז דער רמז: וְהִנֵּה ה' נִצָּב עָלָיו, ווייסטו פארוואס די שכינה רוהט אויף אים, ווייל עני"ו דער מענטש פירט זיך מיט ענוה. (כתר יהושע)

**חלוק פון עפר הארץ און ככוכבי השמים**

וְהָיָה זַרְעֲךָ כַּעֲפַר הָאָרֶץ וגו' וְנִבְרְכוּ בְךָ כָּל מִשְׁפְּחֹת הָאֲדָמָה וּבְזַרְעֶךָ: (כח יד) אינטרעסאנט אז דא ביי יעקב שטייט אז די אידן וועלן זיין ווי עֲפַר הָאָרֶץ און נישט אזוי ווי ביי אברהם וואס שטייט (כב כז) כִּי בָרֵךְ אֲבָרֶכְךָ וְהַרְבָּה אַרְבֶּה אֶת זַרְעֲךָ "כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם וְכַחוֹל" אֲשֶׁר עַל שְׂפַת הַיָּם, וואס זיי וועלן זיין ווי די שטערן, וואס איז דער ענין? נאר דער אויבערשטער האט געגעבן א שטארקע יסוד פאר יעקב אבינו וועגן כלל ישראל: ווייל עָפָר, ערד, האט א זעלטענע כח אין די בריאה, אז מען זייט איין קערנדלאך אין ערד, וואקס ארויס פון די ערד וואס מען האט איינגעזייט, דאס איז דער רמז אז א איד טוט א זאך פאר א אנדער איד, דאס מיינט ער זייט איין עפעס אין יענעם, איז אויב ער טוט א גוטע זאך פאר יענעם וועט וואקסן פאר אים גוטע זאכן, אבער אויב מען טשעפעט אדער מען טוט שלעכטס פאר א אנדערע, זייט מען איין שלעכטע קערנדלאך און עס וועט וואקסן שלעכטס חלילה. ווייל א איד איז ווי עָפָר, וואס וואקסט ארויס וואס מען זייט איין איר, און דאס איז דער אויספיר פון וְנִבְרְכוּ בְךָ, וואס איז די לשון פון מַבְרִיךְ וּמַרְכִּיב, וואס איז אזוי ווי איינפלאנצן. (אך פרי תבואה הגה"ק מליסקא)

[ידיעות וועגן פריערדיגע ספרים און מחברים וועט ערשיינען נאך חנוכה אי"ה]

## מדור העובדות

## *****דער טריסקער מגיד נעמט א פדיון פון א פרוי וואס זאגט זי איז געהאלפן געווארן פון אים און דער גבאי וואונדערט זיך! *****

דער הייליגער טריסקער מגיד, הרה"ק רב אברהם טברסקי זצוק"ל דער מחבר פון ספר מגן אברהם איז געבוירן געווארן שנת תקס"ו צו זיין הייליגן טאטן הרה"ק ר' מרדכי דער מגיד פון טשערנאביל און זיין מאמע הרבנית פייגא, זי איז געווען א טאכטער פון הרה"ק ר' דוד לייקעס פון די גרעסטע תלמידים פון הייליגן בעש"ט, - דער בעש"ט האט געהאט דריי גרויסע תלמידים מיטן נאמען ר' דוד, ר' דוד לייקעס, ר' דוד פורקעס און ר' דוד פון מיקעלייב- ער איז געווען דער פיפטער זון פון מגיד, נאך זיין חתונה מיט הרבנית מרת ריקל, די טאכטער פון הרה"ק ר' יעקב ארי' פון קאוולא דער זון פון הרה"ק ר' מרדכי מנעשכיז זצוק"ל, נאך זיין טאטנס הסתלקות כ' באייר תקצ"ז, האט ער מייסד געווען די חסידות אין טריסק און געווען א מגיד מישרים דארטן, און געהאט זייער אסאך חסידים, און אסאך צדיקים זענען געפארן צו אים, ווייל מען האט געוואוסט אז ער קען מתקן זיין נשמות אזוי ווי ער פלעגט פארן מיט זיין הייליגן טאטע און מתקן זיין נשמות.

אזוי ווי דער טריסקער מגיד פלעגט אסאך ארום פארן אין די שטעטלאך, פלעגן קומען אסאך מענטשן זיך פראווען ביי אים, איינמאל האט דער טריסקער מגיד מחליט געווען אז מען פארט אין א ווייטע שטעטל וואס זיי זענען דארטן קיינמאל נישט געפארן און דער גבאי האט זיך געוואונדערט פארוואס דער רבי פארט אהין, און אין יענעם שטעטל האט מען שיין מקבל פנים געווען דעם רבין מיט גרויס כבוד, און אים צוגעשטעלט א חשובע אכסניא צו זיין און דארטן קענען אויפנעמען די מענטשן.

געקומען זענען די מענטשן אין די מאסן, און צווישן זיי איז א פרוי פון יענעם שטעטל אנגעקומען און בעט דעם גבאי אז זי וויל אריינגיין צום רבין און אים דאנקען וואס זי איז דורך איהם געהאלפן געווארן, אבער פארן גבאי איז דאס געווען א וואונדער, ווי קומט דאס אז די פרוי זאל אמאל געבענטשט ווערן דורכן צדיק ווען דער צדיק איז נאך אין דעם שטעטל קיינמאל נישט געווען, אבער ער האט איר געהייסןווארטן, און ווען די מענער האבן געענדיגט אריינגיין צום מגיד, איז דער גבאי אריין מיט איר צום רבין, און ער הערט זיך צו ווי די פרוי זאגט צום מגיד אז זי איז יעצט געקומען אפדאנקען דעם רבין וואס זי איז געהאלפן געווארן פון אים און געהאט א קינד נאך א לאנגע צייט וואס זי האט נישט געהאט קיין קינדער, און דורך די ברכה וואס דער רבי האט איר געוואונטשן זייענדיג דא אין שטעטל דעם פריערדיגן מאל איז זי געהאלפן געווארן.

און אזוי רעדענדיג האט זי אוועק געלייגט קוויטל און א שיינעם פדיון אלעס א דאנק וואס דער רבי האט איר געהאלפן, און דער מגיד האט דעם קוויטל גענומען און אויך דעם פדיון און אריין געלייגט ביי זיך און האט איר שטארק אנגעוואונטשן זי זאל האבן אידיש נחת און זי איז ארויס פון מגיד.

פאר דעם גבאי איז די זאך געווען א פלא און דער גבאי האט גענומען שטאלץ און אריין צום רבין און געפרעגט איך בין ביי מיר זיכער לויט די אלע צייטן וואס דער רבי פארט ארויס איז דער רבי נאך אין דעם שטעטל נישט געווען, און דאס איז יעצט אונזער ערשטע באזוך דא, אויב אזוי ווען האט ער די פרוי געבענטשט? און פארוואס האט דער רבי גענומען דעם פדיון פון איר? עס איז זיכער געמאכט געווארן דורך איר א טעות, און עס ווייזט אויס אז א צווייטער צדיק איז דא געווען און איהר געוואונטשן און זיין ברכה איז אנגענומען געווארן!

רופט זיך אן דער טריסקער מגיד פארן גבאי הער זיך גוט צו וואס איך וועל דיר דערציילן: עס איז מיט א צייט צוריק געווען א פאר לצים וואס האבן מחליט געווען צו חוזק מאכן פון מיר און די חסידות און דערצו האבן זיי אויך געוואלט מאכן א ביסל פרנסה, האבן זיי זיך באשלאסן צו פארשטעלן אויף אונזער צורה און געשטעלט גבאים און אזוי נאך ארום געפארן אין די ווייטע פלעצער וואו מיר זענען דארט נאך נישט געווען און זיי האבן געמאלדן אז דער טריסקער מגיד קומט אן אויף שבת און מען וועט אויפנעמען די מענטשן.

אזוי ווי מען האט דארט נישט געוואוסט ווי איך זעע אויס, האט מען געמאכט א שיינעם קבלת פנים פארן פאלשן רבין און זיינע גבאים און צוגעשטעלט א שיינעם אכסניא, עס איז געווארן פרייליך אין שטעטל און מען האט זיך געגרייט אויף דעם קומען פון דעם פארשטעלטן צדיק, פארשטייט זיך אז מענטשן זענען געקומען זיך פראווען און זיי האבן געטיילט ברכות און מענטשן האבן איבערגעלאזט פדיונות.

צווישן די מענטשן איז די פרוי אריין צו דעם רבין און זיך אויסגעקלאגט אז זי האט נישט קיין קינדער און זי בעט אים נישט נאר א ברכה, נאר א צוזאג אז זי וועט יענעם יאר האבן א קינד, און דער פארשטעלטע רבי האט איר צוגעזאגט א קינד יענעם יאר, און די פרוי האט געהאט אמונה אין דעם צוזאג, איז געווארן א רעש אין הימל וואס טוט מען דא? אויב די פרוי וואס האלט אז דער טריסקער מגיד איז דא געווען אין שטעטל און די ברכה און צוזאג וועט נישט מקויים ווערן וועט דאך זיין א חילול ה' אז דעם טריטקער מגיד"ס ברכה איז נישט ווערד! האט מען געפסקענט אין הימל לכבודי אז די פרוי מוז געהאלפן ווערן מיט א בן זכר און כך הוה די פרוי איז צום יאר געהאלפן געווארן!

האט אויסגעפירט דער מגיד צו זיין גבאי, יעצט איז יענע פרוי אונז געקומען אפדאנקען, און דער פדיון געהערט באמת צו אונז ווייל זי איז געהאלפן געווארן צוליב אונז, האט אויסגעפירט דער טריסקער מגיד איך וועל דיר דערציילן פון די זעלבע מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט ביים הייליגן בעש"ט, ווען א איד האט זיך פארשטעלט פאר דעם בעש"ט און ארום געפארן מיט זיין גבאי און האבן אויך געוואונטשן מענטשן און די ברכות זענען מקויים געווארן, שפעטער האבן די מענטשן חרטה געהאט און געקומען איבערבעטן דעם בעש"ט, האט ער זיי געזאגט אז דאס מאל האט די זאך געלונגען אז אייערע ברכות זענען מקויים געווארן צוליב עס זאל נישט זיין קיין חילול ה' און מענטשן וועלן זאגן אז מיינע ברכות ווערן נישט מקויים, אבער איךווארן אייך אויב איר טוט דאס נאכאמאל, הזהרו והשמרו, און זיי האבן צוגעזאגט מער דאס נישט טאן און דער בעש"ט האט זיי מוחל געווען. דער מגיד'ס יארצייט איז ב' תמוז תרמ"ט. זיע"א.

מזל טוב לאירוסת נכדתי בת חתני ר' בן ציון מאיר זילבערשטיין נ"י עב"ג

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

מכתב הרה"ק ר' שלמהקע מזוויהעל $6000 סידור רש"ש של אדמו"ר מהוסיאטין $18000 סידור של אהאדמו"ר מטאש זצ"ל עם הזכרות $15000 סידור אר"י כתב יד תצ"ו עם הגהות המקובל ר' אברהם אזולאי אביו של החיד"א והמקובל ר' ישעי' הכהן בעל מקדש מלך $350000 תהלים צפת תקצ"ג זעלטן $25000 מכתב מהרה"ק הוסיאטין מתחנן להריי"צ מליובאוויטש תש"א לעזור להציל קרוביו $5000, סעט חומש עם אור החיים זיטאמיר $20000 טור אבהע"ז וחו"מ זיטאמיר $600 זוהר ויקרא סלאוויטא חסרכמה דפים $3000 ירושלמי דפוס זיטאמיר מצב מפואר כריכת עור מסאטמאר נייר לבן, $3500 שו"ע יו"ד ח"ב וחו"מ ח"א סלאוויטא $6000 ספר אמרי יהודה מהגה"ק מסעקלעהיד עם ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה בנו של הגאון רב נתנאל בעל פני מבין $2500 מהר"ם שיק עם חתימת וחותמת הגאון ר' אליעזר צוקער מבערגסאז עם ב' הגהות ממנו $3000 ספר מטה משה ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה עם הגה $2500 18 גמרות זיטאמיר ריגאל עם הג' בבות יבמות גיטין ועוד רובם מצבים מצויינים $35000 מכתב הגאון ר' יונתן שטייף תש"א מבקש מר' יעקב רוזנהיים להצילו $1800 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $8500 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, ספר שיטה מקובצת עם הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 חומש תורה תמימה ד' חלקים הקדשות ארוכות של האדמו"ר בעל אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 חיי אדם זיטאמיר $800 אדמור"י מלכות בית טשערנאביל $400 ספר צדקת יוסף עם הקדשת הרבי מפיטסבורג הר"ר מרדכי זצ"ל $500 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעכנאוו $3500 4403 - 16 Ave

Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website *www.seforimworld.com.*

***WE sell old USA coins and supplies albums coin holders also silver coins for Pideon Haben***